**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/8/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט גרויסע איבערבויאונג פון אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט אין איסט באפעלאו יעצט פארענדיגט**

***באדייטנדע רענאוואציעס אויף 149-יוניטס McCarley Gardens Apartments היטן אויף אפאָרדעביליטי, פארבעסערן ענערגיע שפארזאמקייט און זיכערהייט פאר פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א באדייטנדע איבערבויאונג אויף McCarley Gardens Apartments, אן אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט אין איסט באפעלאו. דער רענאוואציע פראיעקט האט ארייננגערעכנט ענערגיע שפארזאמקייט, אינסולירונג קעגן וועטער און אנדערע נויטיגע זיכערהייט פארבעסערונגען צו די 46-יאריגע דעוועלאפמענט, בשעת'ן היטן אויף אפאָרדעבעל רענט פאר 149 הויזגעזינדער.

"די ארבעט צו אפהיטן אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענטס פון די סארט איז קריטיש צו האלטן אונזערע געגנטער סטאביל און אינקלוסיוו און צו העלפן פאמיליעס בליהען אן די לאסט פון איבערגעטריבענע האוזינג קאסטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די איבערבויאונג פון McCarley Gardens Apartments האט געפירט צו באקוועמע און שטאנדהאפטיגע היימער פאר הונדערטע באפעלאו איינוואוינער, ארייננבלאזנדיג א פרישע חיות אין די קאמיוניטי, און ארויפבויענדיג אויף יארן פון סטעיט אינוועסטירונג אין די אויפלעבונג פון געגנטער אריבער די 'קעניגן שטאט'."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל געבויט אדער פרעזערווירט קרוב צו 7,500 אפאָרדעבעל היימער אין באפעלאו. McCarley Gardens Apartments זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, ארייננרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

דער McCarley Gardens פראיעקט איז באשטאנען פון די באדייטנדע איבערבויאונג פון 21 טאון-היים סטיל געביידעס וואס זענען געבויט געווארן אין 1978 און די נייע קאנסטרוקציע פון נאך פיר צוויי-שטאקיגע טאון-היים געביידעס. די פארענדיגטע דעוועלאפמענט האט יעצט 27 צוויי-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס, 94 דריי-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס און 28 פיר-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס. אלע אפארטמענטס זענען געגוּנג ביליג פאר הויזגעזינדער מיט איינקונפט וואס איז 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט (Area Median Income).

די פארנעם פון די אינעוויייניגע רענאוואציעס האבן ארייננגערעכנט די אינסטאלאציע פון נייע קיכן מיט מאדערניזירטע אפלייענסעס, איינריכטונגען, שרענק און קאונטערס; נייע וואסער-שפארנדע פלאמבינג

איינריכטונגען; און שיינקייט פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג נייע פלארס און נייע פארב. דרויסנדיגע פארבעסערונגען האבן אריינגערעכנט שטורעם און אפלויף וואסער רערן, ניי-אויסגעפלאסטערטע פארקינג פלעצער און נייע טראטוארן.

די איבערבויאונג איז אויסגעשטעלט געווארן צו פארמערן די ענערגיע שפארזאמקייט פון די דעוועלאפמענט, נוצנדיג סאלאר פאנעלן מיט פארבעסערטע אינסולירונג, נייע פענסטער, אפלייענסעס מיט Energy Star רעיטינג און שפארזאמע בוילערס און הייסע וואסער הייצערס. די רענאוואציעס זענען ערווארטעט צו רעדוצירן די ענערגיע באנוץ אין אלגעמיין מיט אומגעפער 30 פראצענט.

די דעוועלאפמענט טיעם איז באשטאנען פון די St. Johns Baptist Church און BFC Partners.

סטעיט שטיצע פאר די 57 מיליאן דאלארדיגע איבערבויאונג האט אריינגערעכנט 10 מיליאן דאלאר אין באנדס וואס זענען פערמאנענט פטור פון טעקס, 24 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט און 9 מיליאן דאלאר אין סאבסידיס פון די HCR. די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) האט צוגעשטעלט כמעט $210,000 אין שטיצע, אריינרעכענענדיג $60,000 פון דעם 'נייע קאנסטרוקציע - האוזינג' (New Construction-Housing) פראגראם פאר די נייע צוויי-שטאקיגע געביידע און כמעט $73,000 דורך דעם NY-Sun סאלאר אנרייץ פראגראם.

דורך די וועטער אינסולירונג פרעזערווירונג (Weatherization Preservation Plus, P+) איניציאטיוו האט די HCR אויך געשאנקען $700,000 פאר דעם פראיעקט צו אינסטאלירן אונטערערדישע דראטן, נייע עלעקטריציטעט מיטער איינריכטונגען און נייע הויפט עלעקטרישע דראטן פאר יעדע יוניט. די P+ איניציאטיוו מישט אויס סטעיט מיטלען מיט פינאנצירונג פון דעם פעדעראלן וועטער-אינסולירונג הילף פראגראם (Weatherization Assistance Program) צו ערלויבן פאר פארבעסערטע וועטער אינסולירנג ארבעט אין אפארטמענט געביידע דעוועלאפמענטס מיט סעקשען 8 פראיעקט-באזירטע רענט הילף.

**דיוויזיע פון האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די סטעיט'ס 43 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די איבערבויאונג פון די McCarley Gardens Apartments זעצט פאר אונזער לאנגיאריגע שותפות מיט באפעלאו'ס רעליגיע-באזירטע קאמיוניטי וואס האט פראדוצירט טויזנטע אפאָרדעבעל היימער און פרבעסערט די קוואליטעט פון לעבן אין געגנטער אריבער די שטאט. פאר די 149 הויזגעזינדער וואס פאררופן McCarley Gardens Apartments פאר זייער היים — גיבט זיי דער פראיעקט וואס האט שוין פון לאנג געדארפט געמאכט ווערן א געזונטערע און באקוועמערע פלאץ צו וואוינען וואס בלייבט אפאָרדעבעל. די באדייטנדע פארבעסערונגען וואס זענען געמאכט געווארן דורכאויס די רענאוואציעס האבן רעדוצירט די עלעקטריציטעט באנוץ פון די דעוועלאפמענט מיט קרוב צו א דריטל, פירנדיג צו נידעריגערע ענערגיע קאסטן פאר איינוואוינער, און די פארבעסערונגען האבן אויך פארשטערקערט די שטאנדהאפטיגקייט קעגן שטורעמס און עקסטרעמע וועטער. א דאנק פאר St. John's Baptist Church און BFC Partners פאר זייערע יארן פון שווערע ארבעט צו דורכפירן דעם פראיעקט."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "די ענערגיע-שפארזאמע אייגנשאפטן ביי McCarley Gardens, וואס רעכענען אריין פארבעסערטע אינסולירונג און נייע פענסטער, אפלייענסעס מיט Energy Star רעיטינג, ריינע הייצונג און קילונג און אויפן-ארטיגע סאלאר, וועלן העלפן מאכן די דעוועלאפמענט פאר א געזונטערע, מער אפאָרדעבעל און באקוועמע פלאץ צו וואוינען פאר איינוואוינער. דער פראיעקט איז א געוואלדיגעביישפיל וויאזוי גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, אויסמישנדיג סטעיט מיטלען מיט שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן,

קען ברענגען הייזער מיט בענעפיטן פון א הויכע קוואליטעט וואס רעדוצירן קארבאן עמיסיעס פאר די טובה פון אלע ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "די ברייטע איבערבויאונג פון McCarley Gardens איז אן עדות פון די אפאָרדעבעל האוזינג פראיעקטן וואס ווערן געטריבן דורך די קאמיוניטי, פאר די קאמיוניטי. ניו יארק זעצט פאר צו אינוועסטירן אין די געלעגנהייטן ווייל מיר אנערקענען די דירעקטע השפעה וואס זיי האבן צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און אנהאלטנדע וואוקס אינערהאלב אונזער ברייטערע קאמיוניטי. איך אפלאדיר BFC Partners און St. John Baptist Church פארן ארבעטן צוזאמען פון די נאענט מיט NYS האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל און ברענגען זייער מיטגעטיילטן חזון צו פארווירקליכט ווערן."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטאל פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ אז די מאמענט איז סוף כל סוף אנגעקומען — די פארענדיגונג פון פאזע 1 פון די McCarley Gardens רענאוואציעס. פאר יארן האבן אייניוואוינער געדולדיג געשטאנען און צוגעקוקט ווי די וועלט אנטוויקלט זיך ארום זיי, זיך וואונדערנדיג "ווען וועט זיין אונזערע רייע?" א דאנק BFC Partners, HUD, St. John’s Baptist Church, HCR און אנדערע איז היינט ענדליך דער טאג. עס קומט זיך פאר יעדן איינעם די כבוד הבריות צו לעבן אין א ריינע, זיכערע און אפאָרדעבעל פלאץ."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק סי. פאלאנקאַרז האט געזאגט,** "אפאָרדעבעל האוזינג זעצט פאר צו זיין א קריטישע נויט אין ערי קאונטי, און א דאנק גאווערנער האקול, וועט דער McCarley Gardens פראיעקט ברענגען 149 אזעלכע יוניטס, געפונענדיג זיך נעבן די שטאט-צענטער און אלעס מיט פארבעסערטע ענערגיע שפארזאמקייט. דאס איז א קלוגע אינוועסטירונג וואס האט איבערגענוצט און מאדערניזירט עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור צו בעסער באדינען מענטשן, און איך באדאנק אלע וואס זענען געווען פארמישט דערין פארן דאס מאכן פאר א מציאות."

**מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "דער פראיעקט ערגענצט מיין אדמיניסטראציע'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו גערעכטע דעוועלאפמענט און אפאָרדעבעל האוזינג. די שטאט רעגירונג האט בייגעשטייערט 1 מיליאן דאלאר אין HOME געלטער צו דעם פראיעקט, און איך בין שטאלץ צו שפילן א ראלע אין די פארענדיגונג פון דעם McCarley Gardens רענאוואציעס פראיעקט. איך לויב אויס דעם געעהרטן גייסטליכער מייקעל טשאפמאן, St. John Baptist Church און איר קאמיוניטי דעוועלאפמענט קארפארעישען פארן שטיין אין שפיץ פון דעם פראיעקט. איך וויל אויך באדאנקען גאווערנער קעטי האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע פאר מיין אדמיניסטראציע'ס מיסיע צו אפפערן אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט אין די סיטי אָוו באפעלאו."

**באפעלאו קאָמאן קאונסיל מאיאריטעט פירערין, ליע האלטאן-פּאָופּ, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אנאנס איבער די פארענדיגונג פון McCarley Gardens Apartments'ס איבערבויאונג צייכנט אפ א באדייטנדע דערגרייכונג אין אונזער אנגייענדע מיסיע צו גיבן פריאריטעט פאר אפאָרדעבעל האוזינג. אלס מאיאריטעט פירערין, אפלאדיר איך די אינציאטיוו נישט נאר פארן היטן אויף אפארדעביליטי נאר אויך פארן זיך קאנצענטרירן אויף ענערגיע שפארזאמקייט, פארזיכערנדיג א שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר באפעלאו'ס איינוואוינער."

**BFC Partners מענעדזשינג פרינסיפּעל, דאנעלד קאפּאָטשע, האט געזאגט,** "אונזער מאנשאפט האט זיך באקענט מיט די McCarley Gardens איינוואוינער זייער גוט דורך דעם רענאוואציע פראצעדור, און צוליב דעם איז דאס אזויפיל מער דערפרייענד צו וויסן אז 149 פאמיליעס געניסן יעצט פון באדייטנד פארבעסערטע היימער, באגלייט מיט פיל פארמערטע ענערגיע שפארזאמקייט. מיר באדאנקען

אלע אונזערע שותפים אין דעם פראיעקט, ארײנרעכענענדיג St. Johns Baptist Church און די קריטישע פינאנצירונג און שטיצע פון ניו יארק סטעיט."

**St. John Baptist Church גייסטליכער מייקעל טשאפמאן האט געזאגט,** "די Buffalo Black Billion'ס פירערשאפט, צווײ קירכעס, צווײ קאמפוסן און איין ווילעדזש זענען דאנקבאר פאר גאט פאר די McCarley Garden רענאוואציעס. עס איז די תוצאה פון די חלומות און באמיאונגען פון די צווײ געוועזענע גייסטליכע הנהלות פון St. John Baptist Church. גייסטליכער בערני סי מעקקארלי האט אפגעקויפט די שטח, גייסטליכער גערהערטער דר. בענע וו. סמיט סיניאר האט געבויט די דעוועלאפמענט, און יעצט האבן מיר פארענדיגט די 57 מיליאן דאלארדיגע רענאוואציע פון די קאמפלעקס. BFC Partners האט געטוהן אן אויסגעצייכנטע ארבעט מיטן קאארדינירן טעגליכע אפעראציעס, פארזיכערן הלוואות און פינאנצירונג און זיך אפגעבן מיט די שוועריגקייטן פון רענאווירן א 15.1-אקער-גרויסע שטח בשעת 149 פאמיליעס בלייבן אין זייערע וואוינונגען. מיר ווילן באדאנקען דער גערהערטער מעיאר, בייראן וו. בראון, פון די סיטי אָוו באפעלאו, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די אפיס פון סטראטעגישע פלאנירונג, ברענדען ר. מעהעפי און האוזינג דירעקטארין איוואָן מעקקרעי. אין צוגאב, באדאנקען מיר גאווערנער קעטי האקול און די HCR."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן